ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 68

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט חתונה געהאטע קינדער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך הער כסדר די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פאר אינגעלייט, און דאס האט געטוישט אינגאנצן מיין לעבן צום גוטן.*

*איך האלט שוין ב"ה ביים חתונה מאכן מיין ערשטער קינד בשעה טובה ומצלחת, איך האב געוואלט פרעגן אויב ס'איז שייך אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל געבן שיעורים אויך פאר עלטערע אינגעלייט, וואס מאכן שוין חתונה קינדער, ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די איידעמער און שנירן, און אזוי ווייטער אלעס וואס מ'דארף וויסן ווען מ'מאכט שוין חתונה קינדער. איך וויל נישט שפעטער געוואויר ווערן אז איך האב געמאכט טעותים.*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת לך לך, ו' חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן**

זאלסט נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט דיר, בפרט אויף דעם חסד אז דיינע קינדער גייען אונטער די חופה. וויפיל צענדליגער און הונדערטער שטובער שטייען און ווארטן אויף די מזל'דיגע שעה צו קענען פירן די קינדער אונטער די חופה; דערפאר זאלסטו נישט אויפהערן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די חסדים, און אים בעטן ווייטער פאר זיי און פאר אלע אידן.

**געבן גוטע ווערטער פון איינעם אויפ'ן צווייטן**

נעם די מדה פון אהרן הכהן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות א, יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם", אהרן הכהן האט געזוכט ווי ער קען מאכן שלום; דאס זאלסטו שטענדיג טון, פאר דיין זון זאלסטו שטענדיג זאגן: "דו האסט באקומען א טייערע ווייב וכו' וכו'", און פאר דיין טאכטער זאלסטו שטענדיג זאגן ווי צופרידן דו ביסט פון איר מאן. יעדעס מאל דו טרעפסט דיינע קינדער זאלסטו געדענקען צו געבן גוטע ווערטער פון איינעם אויפ'ן צווייטן, אזוי אויך זאלסטו רעדן שיין צו זיי פון זייערע עלטערן, זאג פאר דיין איידעם: "דו האסט א חשוב'ע טאטע וכו'", אפילו ער האט דיר באַגנב'עט ביי די חתונה, אזוי אויך זאלסטו זאגן פאר דיין שנור גוטע ווערטער אויף איר משפחה, אפילו מען האט זיך געאמפערט וכו', וועסטו זוכה זיין צו האבן נחת פון זיי.

**אפגעווישט דעם פנים מיט די טרערן**

דער עיקר זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן פאר דיינע קינדער זיי זאלן זיין ערליכע אידן. מען האט אמאל געפרעגט א ברסלב'ער חסיד ווי אזוי ער האט מצליח געווען מיט זיינע קינדער, האט ער געענטפערט: "וואס מיינט איר, איך האב באקומען גוטע קינדער אזוי ווי מען רייסט אראפ אן עפל פון בוים? איך האב יעדן טאג געוויינט צום אייבערשטן מיט טרערן, נאכדעם האב איך גענומען מיינע טרערן און זיך אפגעווישט דעם פנים מיט די טרערן; איך האב געבעטן, רבונו של עולם, געב מיר ערליכע קינדער, זיי זאלן זיין גרויסע צדיקים, זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון עבירות וכו' וכו'".

דערפאר דארפן עלטערן געדענקען צו מתפלל זיין פאר די קינדער זיי זאלן זיין ערליכע אידן און אויפשטעלן ערליכע דורות, **מען דארף בעטן דעם אייבערשטן סיי ווען די קינדער זענען נאך קליין און סיי ווען מען האלט שוין נאכ'ן חתונה מאכן**, דורכדעם וועלן זיי זוכה זיין צו ערליכע קינדער און שעפן פון זיי אסאך אידיש נחת.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טוט מען מיט א קינד וואס פארשטייט נישט דאס לערנען?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א מלמד, און איך האב א קינד אין מיין קלאס וואס פרובירט זייער שטארק צו לערנען און מיטהאלטן, אבער עס גייט אים נעבעך נישט; וואס קען איך טון מיט אזא קינד? וויפיל איך פרובירט אים מסביר צו זיין, ווייסט ער בכלל נישט וואס איך וויל פון אים, איך זאג אים איבער נאכאמאל און נאכאמאל, און ביז ער כאפט שוין ענדליך א זאך, האט ער שוין פארגעסן די פריערדיגע זאכן.*

*נאך א זאך, איך מאך בחינות אין קלאס, און די קינדער האבן שטארק הנאה דערפון, און א קינד וואס פארשטייט שווער, לערן איך מיט אים די שאלה און די תשובה, און ער שרייבט עס אראפ. איך בין מקפיד אז ווען איך צייכן די בחינות זאל קיינער נישט קוקן און נישט קומען צו מיין טיש, נאר דער קינד וועמענ'ס בחינה עס איז מעג מיטהאלטן, און פארגאנגענע וואך האב איך צוגעשריבן א קאמפלימענט אויף די בחינה פון אזא קינד, "ביסט ווערד מיליאנען!!!", און אזוי ווי דאס קינד מוטשעט זיך היבש, האט ער ממש געוויינט פון*

*פרייד און התרגשות, אז דער רבי האט געשריבן אויף אים אזא שיינע קאמפלימענט, ער קען זיך נישט בארואיגן פון דעם.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת במדבר, כ"ח אייר, מ"ג לעומר, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו געבסט אכטונג אויף די געפילן פון די קינדער, דו געבסט זיי גוטע ווערטער, דו בויסט אויף זייער נפש; דאס איז ביים אייבערשטן אזוי טייער און אזוי דערהויבן.

**עס ווענדט אויב דער קינד בעט צו לערנען**

האב סבלנות צו די קינדער, און אז א קינד פארשטייט נישט - זאלסטו אים נישט פארשעמען, און אז ער וויל פארשטיין - זאלסטו לערנען מיט אים, און אז ער פרעגט נאכאמאל - זאלסטו אים נאכאמאל זאגן; דאס איז אויב דער קינד בעט דיר זאלסט מיט אים לערנען, און אויב דער קינד בעט נישט - זאלסטו אים נישט מוטשען צו פארשטיין, נאר לאז אים זיצן אין כיתה. אזוי ווי די הלכה איז (שלחן ערוך יורה דעה סימן רמה, סעיף ט): "אֲפִלּוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת", א קינד וואס פארשטייט נישט, "לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם", זאל מען נישט אוועק שיקן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים", מען זאל אים לאזן זיצן מיט די קינדער, "אוּלַי יָבִין", וועט ער פארשטיין.

געב אלע קינדער גוטע ווערטער, זאג יעדן איינעם שטילערהייט: **"דו ביסט מיין בעסטער תלמיד"**, און אויב די קינדער וועלן דיר פרעגן: "דער רבי זאגט עס פאר נאך קינדער..." זאלסטו זיי זאגן: **"אמת, איך האב נאר בעסטע תלמידים"**, און פאר די קינדער וואס האבן נישט קיין שטארקע הבנה, זיי זאלסטו נאך מער מקרב זיין און זיי אויפבויען, דאס וועט זיי געבן כח פאר זייער גאנצע לעבן, זיך צו קענען שלאגן מיט די שווערע ביטערע נסיונות.

**פאר די קינדער וואס האבן נישט קיין שטארקע הבנה, זיי זאלסטו נאך מער מקרב זיין און זיי אויפבויען, דאס וועט זיי געבן כח פאר זייער גאנצע לעבן, זיך צו קענען שלאגן מיט די שווערע ביטערע נסיונות.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וויפיל געלט מעג מען אויסגעבן ביי א שמחה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*כלל ישראל שטורעמט און האט נישט די ווערטער אייך צו באדאנקען אויף די התעוררות צו שפארן געלט ביי שמחות, וויפיל צענדליגע טויזנטער דאלארן ווערן פארשווענדעט ביי חתונות, וואס פעלט בכלל נישט אויס. מיין שאלה איז ביי קלענערע שמחות, למשל ביי א וואכנאכט אדער קידוש, מעג מען צושטעלן א נארמאלע שמחה פאר אפאר הונדערט דאלער? אז די אידן וואס קומען אריבער וואונטשן מזל טוב, צאלן האבן וואס צו עסן. איך רעד נישט פון איינעם וואס וויל זיך אויפרייסן און פארשווענדען טויזנטער דאלארן פאר כבוד המדומה, איך רעד פשוט פון א שיינע נארמאלע שמחה וואס קאסט אפאר הונדערט דאלער.*

*איך פרעג וויל אין מיין געגנט איז דא א ברסלב'ער שטיבל, און ווען איך גיי אהין צו שמחות, זאגט מען מיר אז א קידוש טאר נישט קאסטן מער ווי פופציג אדער הונדערט דאלער.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת דברים, ו' מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא"ש האט זייער אסאך גערעדט און געשריבן אן א שיעור איבער דעם אז מען זאל נישט אויסגעבן געלט פאר שמחות ווען עס פעלט בכלל נישט אויס. אפילו די וועם דער אייבערשטער האט באשאנקען מיט געלט - טארן אויך נישט אויסשפענדן געלט פאר טייערע שמחות, אפגערעדט דער וואס האט נישט קיין געלט טאר נישט בארגן געלט פאר איבעריגע זאכן וואס פעלט נישט אויס. און דערפאר פירן זיך תלמידי היכל הקודש צו מאכן פשוט'ע שמחות אן קיין מותרות וכו' אזוי ווי א אידישע שמחה דארף אויסקוקן; **מען איז פריילך, פול מיט דאנק און לויב צום אייבערשטן און די שמחה איז א גאנצע שמחה.**

ווען מען מאכט א שמחה דארף מען אכטונג געבן נישט צו מאכן פון עיקר טפל און פון טפל עיקר, דער עיקר דארף מען געדענקען צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט אונז און אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף ווייטער.

געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן וועסטו זוכה זיין צו באקומען א בירור המדמה, דו וועסט וויסן ביי יעדע זאך וואס צו טון און ווי אזוי צו טון. מען האט געזען ביי ברסלב'ע חסידים אז ווער עס האט געפאלגט דעם רבי'ן מיט די עצה פון התבודדות האט זוכה געווען צו א שטארקע ישוב הדעת אין יעדע פרט אין לעבן. עס קען זיין אפילו פשוט'ע מענטשן וכו', אויב מען נעמט די עצה פון התבודדות, מען שמועסט מיטן אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך באקומט מען א סארט שכל וואס מען געפונט נישט ביי גרויסע מענטשן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**